# ביבליאגראפיע.

„מילגרוים“, צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור. העפט 1. 1922, בערלין:
אלגעמיינע רעדאקציע ד״ר מ. ווישניצער.

דער פראכטפול ארויסגעגעבענער קונסט־זשורנאל „מילגרוים“ אף אידיש (דער. זעלבער רופט זיך „רמון“ אף העברעאיש—אדער פארקערט) איז א פולקום נייע דערשיינונג אינם אידיש־קינסטלערישן לעבן. גרויסער פארמאט, ציכטיקער פאפיר, זייער גוטע רעפראדוקציעס און גלענצנדער שריפט. ברייט פארמאסטן זיך און שיין אויסגעפירט. אונזער טרוים וועגן א קונסט זשורנאל האט זיך פארווירקלעכט. און.. און דאך איז אונז פון דעם נישט גוט געווארן אפן הארצן. דער טרוים איז שוין צוועלף יאר אלט, און האט דעריבער פארשפעטיקט. זיינען מיר גופרידן, וואס מיר האבן א מעגלעכקייט צעשטערן אים, און זאל ער ניט דערמאנען אן אונזער נאאיוויטעט.

אויב אונזער נארוואסדיקע ראמאנטיק איז געווען יונג און איז אויסגעוואקסן פונם אפלייקענען דעם עטנאגראפישן נאלעס־נאטוראליזם, האט עס דער „מילגרוימישער“ פארעלטערט פראפעסארישער אנמאכט נאך מער אונטערגעשטרייכלט.

דער דאזיקער זשורנאל איז א מאציוזוע־אויפשריפט. ער איז טויט און איז באשאפן געווארן פאר טויטע. און אט פאר וואס: דער „מילגרוים“ — אפווארפנדיק דעם זיסלעך־עקלעקטיישן בייטאם פונם דאזיקן נאמען — שטעלט מיט זיך פאר א צווילינג־ארויסגאבע, וואס דערמאנט אן א צווייטן טויטן — דעם רוסישן זשורנאל „זשאר פטיצא“, וואס גייט אויך ארויס אין בערלין. אבער אויב די רוסישע גרופע פונם אלטן קונסט־זשורנאל „אפאלאן“ שטייט אף א טויטן שטאנדפונקט און איז נעצוואונגען קייען זיך אליין, איז דאס דערפאר, ווייל זיי זיינען אפגעריסן פון רוסלאנד, האבן אנגעווארן זייער ארגאנישע שפייז,—כאזערן זיי איבער צום טויזנטן, מאל „ביליבינען“, קייען איבער אז א שיר „לוקאמסקען“ און טרוימען פון אלטן פעטערבורג.

און דאך גיבן זיי די קונסט, וואס איז אמאל בעשייטא געווען בארעכטיקט, די קונסט, וואס האט אפגעשפיגלט די פאראינטעליגענטישטע סוויווע פון דער רוסישער געזעלשאפטלעכקייט מיט איר קאמף פאר „קונסט ציליב קונסט“. דער קאמף וואס איז אנטשטאנען נאך דעם, ווי ס׳איז פאריבער דער פערעדוויזשניקשער פעריאד.

דער רוסישער זשורנאל „זשאר פטיצא“!—ס׳איז דער מארפיאום־שפריץ, וואס דארף פארשלעפערן דעם קינסטלערישן געדאנק, ווייל די רוסישע קונסט אין רוסלאנד האלט ביי געבוירן נייע רעוואליוציאנערע ווערטן, זי איז פול מיט פאטענץ קרעפטן, וואס וועלן אויפטרייסלען און פארניכטן די עסטעטיק פון „די סאלאנען־קינסטלער, די עסטעטיק פון די אלטערטום־זוכער. ניט אומזיסט דערשיינט דער „זשאר פטיצא“ פון יענער זייט גרעניץ — דאס גופע דעקט אויף זיין באדייט פאר דער רוסישער קונסט.

פון וואנען אבער האט זיך גענומען דער „מילגרוים“? ער איז א צופעליקע דערשיינונג, נים קוקענדיק אף דעם, וואס ער איז אזוי גוט, אפאנים, באזארגט און פארמאגט א מיינגע מיטארבעטער מיט פראפעסארישע נראדן. ער גיט זיך קלוימערשט ארוים אף דער לעוואנע און האט קיין שום שייכעס צו אונזערע ברענענדיקע קונסט־פראגן און שפינלט לאכלוטן ניט אף דעם איצטיקן צושטאנד פון אונזער פלאסטישער קולטור. די גראפיק פון פראפעסאר ע. קעהם איז טרוקן און צוזאכעננעקלעבט פון אפגעקאפירטע פרימיטיוון. ס׳פעלט אין איר די קאמפאזיציע־באהאוונטקייט, ער האט זיך, א פאנים, נעמיט געבן אונז דעם באנאלן דורכשניטלעכן עטיקעטן־טיפ פון א טיש־זשורנאל—נישט מער. און אלע איבעריקע צייכנונגען פון פראנטשעסקא בארוך, קאלין, בערנשטיין, שוואב זיינען אויך ראציאנעל־פרימיטיוו מיט פיטעגזיעס אף „פראכטפולן געשמאק“

און מיט א בייטאם פון דייטשמערישער סטיליזאציע. אין אזוינע רוימען פון א אויסערליך דעקאראטיווער אויסשטאטונג האט דער זשורנאל צווי גרויסע ארטיקלען וועגן קונסט — „די נייע קונסט און מיר“ פון ראכל ווישניצער און ארטיקל וועגן סעזאנען פון פראפ. מייער גרעפע.

די ה' ראכל ווישניצער איז גוט באהאוונט אין דער כראנאלאגיע, אין די נעמען און שטרעבונגען פון די קינסטלערישע שיטעס, אבער פון דעם, וואס זי איז זיך סוימעד אף די געבראכטע פאלקלאר־צייכנונגען, ווי אף דער עכטער אידישער שאפונג—פון דעם איז בעפיירעש קלאר, אז זי איז זיך טויע אינם אידישן קונסט־סטיל. די דאזיקע אלטערטומען, האגאם זיי זיינען באהעפט מיט אידישע טעקסטן, שטעלן מיט זיך פאר נישט מער, ווי מיטלמעסיקע מיניאטורן אין אלגעמיינעם גייסט און סטיל פון מיטלאלטערישער טקופע. און אט אזוי לייכט דערשלאגט זי אויך ריבאקן בעשאס זי רעדט בלויז פונם אינהאלט פון זיינע בילדער און נים פון זייער ריין מאלערישן ווערט, בעשאס זי ווייזט אן, אז ער געהערט דעם „קוביזם“ בלויז דערפאר, ווייל ער פארמאגט געבראכענע און ווינקלדיקע פארמען. און סאף קאל סאף מאכט זי פון ריבאקן א סיוזשעטן־מאלער, וואס איז אויכן געווען ציען די נאציאנאל־פרומע ליניע פון דער אידישער אבדעס־אייביקייט· יא אט די אידישע אייביקייט איז פאר ראכל ווישניצער בא היינטיקן טאג נאך אזוי מאדנע פארבונדן מיט דער אפאקאליפטישער שטימונג פון „וועלט־כורבן“, פארבונדן „מיט דאנטע, מיט רעמבראנדט, מיט מושע“ נישט מער און נישט ווייניקער...

Ryback

מייער־גרעפעס ארטיקל וועגן סעזאנען איז בעפיירעש דא אין זשורנאל א צופעליקער. פאר די לייענער, וואס זיינען ניט באהאוונט אין קונסט־איניאנים וועט שטיין די פראגע פארוואס עפעס א ארטיקל וועגן סעזאנען און ניט וועגן רעמבראנדט, צי מאנע? און דער לעזער, וואס איז א באקי אין קונסט־פראגן איז שוין געווים באקאנט, מיט די ווערק פונם כאשעווו פארשער פון אימפרעסיאניזם—מיט מייער־גרעפע

דער גאנצער ליטערארישער מאטעריאל פונם „מ י ל ג ר ו י ם“ איז בכלאל אף א מאדנעם פארעלטערט־עקלעקטישן אויפן צוזאמענגעשטעלט א כוץ דעם לעבעדיקן שיינעם ווינקל פון דער בעלעטריסטיק און פאעזיע, וואו ס'אטעמט די מייסטערישע אידיש־קינסטלערישע ווירקלעכקייט פון די אונזעריקע בעוגלסאן, ניסטער, קוויטקא, היבאק—באקרוינט מיט בערגלסאנס ארטיקל וועגן „דעם געשעהענעם דיכטערישן אויסברוך“,—אויסער אט דעם פארבלאנזשעטן אהער ווינקל איז דער גאנצער איבעריקער ווארט־מאטעריאל קלוימערשט ארייננעבראכט אהער פון די אלטפרענקישע „רונדשוי“ס, פון די „חכמת היהדות“־זשורנאלן, אדער נאר פון קרוויוועשן „רמון“. מיטן צושטאנד פון היינטיקן אידישן קונסט־ווארט האט עס לאכלוטן נים וואס צו טאן.

אזוי ארום איז דער „מ י ל ג ר ו י ם“ א קאלבוי פון פארשיידענע אלטע און נייע עלעמענטן, וואס האבן קיין שום שייבעס איינער צום צווייטן. דעריבער איז ער—אנעמיש און הילפלאז. א קינסטלערישע אויסגאבע, וואס פארמאגט קיין לעבעדיקע בלוט אין די אדערן, איז נים ביעכוילעס פארכאפן די יונגע אויסגעוואקסענע ביי אונז קונסט־גרופירונגען, אזא מין אויסגאבע וועט זיין פארעלנדט און פארמישפעט אף טויט. אידישע קינסטלער, וואס נייען פאראוים, וואס מאכן דורך אלע קונסט־גילגולים פון צייט און סוויווע, אידישע קונסט־טוער קאנען נים גליווערן אף סטאטישער פארם־סטיליזאציע זיי קאנען ניט פארבלייבן ביים פראפעסארישן אלטווארג פונם „מ י ל ג ר ו י ם“.

מיר וועלן באגריסן די ארויסגעבער פון „מ י ל ג ר ו י ם“ אויב זיי וועלן אנשטאט דעם עקלעקטיש־ווילנלאזן זשורנאל ארויסגעבן בעסער איינצעלנע מאנאגראפיעס פון אידישע מאדערנע מייסטערס, אי אפילע פון אידישן עכטן קינסטלערישן אלטערטום. אדער— זאלן זיי זייער זשורנאל פארוואנדלען אין א אנגעזעטיקטע מיט צייט־דערפארונג, קעמפעריש־וויסנשאפטלעכע אויסגאבע— א אויסגאבע וואס וואלט בעעמעס געקאנט ברייננען נוצן דער אידישער קונסט־קולטור.

י. טשייקאוו.

## ש. ראסין. שיין (פאעמע). קל. ביבליאטעק „ליריק“, מאסקווע 1922

צווישן „א עמעס“ און „א רעמעז“—ווי דער מעכאבער אליין ניט אנצוהערעניש אין זיין מאטא־ליד — איז געבארן געווארן ש. ראסינס „שיין“. און אט דער סאפעק־וואר, סאפעק־דיכטונג באשיינט בעעמעסן דעם צענדליק לידער, וואס זיינען אין דער פאעמע פאראייניקט דורך איין מעכאטישער שטימונג. די טעמאהישקייט — ס'איז די גרויסע מיילע פון ראסינס פאעמע, ס'איז

פון קינסטלער ראבינאוויטש, טעקסטן באארבעט פון מ. ליטוואקאוו, לידער און פּי״זן—פון י. דאברושין. די פּיעסע גייט אין אכט בילדער מיט אכציק אנטיילנעמער.

דער א. מ. ק. ט. גרייט אויך פערעצעס „ביינאכט אפן אלטן מארק", געשטעלט פון אל. גראַנאווסקי, דעקאראציעס פון קינסטלער פאלק, מוזיק פון מ. מילנער. אין „דעם שאלעם-אלייבעם" אוונט וועט היי יאר אויך אריין שאלעם-אלייכעמס קאמעדיע דער „געט", געשטעלט פון ש. וואפסי, מוזיק פון י. ענגעל.—דער אידישער מעלוכעשער טעאטר-ווארשטאט, אונטער דער אנפירונג פון אל. גראנאווסקי, גרייט איצט מעטערלינגס „די בלינדע", געשטעלט פון ש. וואפסי, מוזיק פון י. אכראן.

— די טעאטר-סטודיע, קולטור-ליגע אין מאסקווע האט אנגעהויבן איר צווייטן ארבעטס-יאר מיט א גרויסער פראגראם פון לימודים, צו וועלכע ס'זיינען צוגעצויגן די בעסטע טעאטראלע פאד-לייט פון מאסקווע. די פארוואלטונג פון סטודיע, וועלכע באשטייט פון די ח"ח י. דאברושין, ע. לויטער, מ. ליטוואקאוו, א. עפראס, ד. סערעבריאניק און י. רובינשטיין (צוויי סטודיאנטן) איז איגעטראטן צו ארגאניזירן די טעאטראלע ארבעט פון סטודיע. ס'זיינען איינגעלאדן רעזשיסארן און גרייטן פאלגנדע פיעסן: מענאכעם-מענדל פון שאלעם-אלייכעם (אינסצענירט פון ע. לויטער) און „וואס אין פידל שטעקט" פון י. ל. פערעץ וועט שטעלן א. גראנאווסקי. „מאשיאך בען יאסעף" פון ב. שטיימאן, וועט שטעלן וו. מייערכאלד. „דער לעצטער מאשיאך" (קאמבינירטע פיעסע פון ש. אש און זשולאווסקי) וועט שטעלן וו. סמישליאייעוו. אוונט פון סטודיע ארבעטן (פערעץ און שאלעם-אש) וועט שטעלן ק. קאטלוביי און פערעצעס „בעלמער מעלאמעד" (א פרואוו פון'א אידישער פאנטאמימע) וועט שטעלן ר. סימאנאוו. די פארוואלטונג פון סטודיע ק. ל. טרעט אויך צו, צוזאמען מיטן אידישן מעלוכעשן קאמער-טעאטער, צו ארגאניזירן דעם רעזשיסארן קלאס, וועלכער וועט זיך שטעלן א ציל גרייטן רעזשיסארן און לערער.

—די מינסקער אידישע טעאטר-סטודיע, א אפטייל פון דער ווייס-רוסישער סטודיע ביי דעם ווייסרוסישן אקאדעמישן טעאטר, געפינט זיך איצט אין מאסקווע. היי יאר איז די צאל פון די טאלמידים פארגרעסערט געווארן און צווישן די לימודים פארנעמען א וויכטיקן ארט: ביאמעכאניק, אקראבאטיק, ריטמיק א. א. וו. די סטודיע גרייט אונטער דער אנפירונג פון ארטיסט מ. ראפאלסקי אינסצענירונגען פון פערעצעס „קליינע מאיסעלעך פאר גרויסע קינדער". ס'ווערט אויך געגרייט א קאמבינירטע אינסצענירונג פון דעם ניסטערס קינדער-מאיסעלעך, באארבעטונג פון נ. אויסלענדער.

— אין ניו-יארק האט זיך געגרינדעט א אידישע דראמאטישע סטודיע אונטער דער אנפירונג פון אסיף דימאוו. די סטודיע וועט אויספירן פיעסן פון יונגע שרייבער און דראמאטורגן.

— אין ווילנע האט זיך געגרינדעט א אידישע אפערע-געזעלשאפט, וואס שטעלט זיך דעם ציל צושאפן א אידישן אפערע-רעפערטואר פון אריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק.

## פאר דעם דערשיינען פון דער העפט איז אנגעקומען אין רעדאקציע דער פאלגענדיקער בריף:

כאשעווע רעדאקציע „שטראם"

מיר גיבן צו וויסן אונזערע קאלעגן, וועלכע מיר האבן מונדלעך אדער שריפטלעך איינגעלאדן מיטצוארבעטן אין „מילגרוים", אז צו דער רעדאקציע פון דערמאנטן זשורנאל האבן מיר מער קיין שייכעס ניט און געהערן ניט מער צו זיינע מיטארבעטער.

ד. בערגלסאן.

דער ניסטער.